משואה
MASSUAH

AR-PT-129-82

"משואה" תל-יצחק
ארכיון

| חטיבה | תיק | מיכל |
|---|---|---|
| ג | 82 | 129 |

מצאי: ____

מחשב: 1667

עלים, עלון המחנה הציוני ביידיש

מס. 15 מאי 1951

82

מעטפה נטולת חומצה מודבקת בדבק CMC - לשימור חומר ארכיוני. מק"ט: 153425
תכנון וייצור: ברק שרותי תיוק בע"מ. טל' 09-7409463 www.barakfiling.co.il

משואה
MASSUAH

עולים

נומ. 15

תל־אביב | צווייטער יארגאנג | איר תשי״א־מאי 1951

ארכיון משואה 38/20

# חברים, פריינט און סימפאטיקער!

די אלגעמיין־ציוניסטישע פראגרעסיווע פארטיי האט פון ערשטן מאמענט גע׳טענהט אז די צוקונפט פון דער ציוניסטישער באוועגונג איז שטרענג פארבונדן מיט דער צוקונפט און אנטוויקלונג פון מדינת ישראל, וואס איר קיום באדייטעט די רעאליזאציע פון די ציוניסטישע אידעאלן. דער גורל פון אונזער מדינה איז אפהענגיק פון סיסטעמאטישע, בשותפותדיקע און אנאויפהעריקע אנשטרענגונגען מצד דעם גאנצן יידישן פאלק אין די ראמען פון זייך הויפט אינסטרומענט; דער ציוניסטישער וועלט־באוועגונג.

די אלגעמיין־ציוניסטישע פראגרעסיווע פארטיי פלעגט זיך כסדר ווענדן צו אלע אן אויסנאם יידן, נישט קוקענדיק אויף קיין שום דיפערענצן פון שיכטן, קלאסן און פראפעסיעס. טראץ דער פארשידנהייט פון עקאנאמישע, פאליטישע און קולטורעלע אייגנשאפטן, וואס צעטיילן כלומרשט אונזער פאלק, איז עס א לעבנס־באדערפעניש צו גרעפיגען א ברייטן באזיס פון אייניקייט, ווייל גרויס זענען די סכנות וואס באדראען דעם קיום פון אונזער מדינה און פון אונזער פאלק אלס גאנצעס.

די דאזיקע סכנות עקזיסטירן אזוי גוט אין דעם אינערליכן מדינה־לעבן ווי אויך זיי לויערן אויף אונז פון דרויסן. ביי אונזערע גרעניצן זיצט דער בלוט־דורשטיגער שונא, וואס ווארט אויף יעדער אייגער אקאזיע, בכדי אונז אלע אן אויסנאם צו פארניכטן.

די נאצישע בעסטיע, דערמונטערט דורך די האנדלונג מצד די אמאליקע מנצחים, הייבט אויפסניי איר קאפ. אין אזא צייט מוזן מיר זיין שטארק אין אונזער איינהייט און פעאיק זיך אנטקעגנצושטעלן יעדן אנגריף אין יעדן מאמענט.

די ציוניסטישע באוועגונג בילדעט מיט זיך היינט די איינציגע דאס אין וועלכער מיר קענען פאראייניקן אלע קאנסטרוקטיווע אין קעמפערישע כוחות פון פאלק.

די אלגעמיין־ציוניסטישע פראגרעסיווע פארטיי האט פון אייביק אן אינטער־געשטראכן די נויטווענדיקייט פון א שטארקער און קאנסאלידירטער ציוניסטישער באוועגונג. די באוועגונג וועט זיין שטארק אויב זי וועט באזיצן שטארקע און לעבענס פעאיקע לייטונגס־ארגאנען. דעריבער האבן מיר געפאדערט, אז עס זאל געגעבן ווערן מצד דער ישראל מדינה א ספעציעלער סטאטוט פאר דער ציוניסטישער באוועגונג, וואס זאל אנערקענט ווערן אלס די איינציקע רעפרעזענטאנטין פון דעם נאציאנאל־דענקענדעם יידישן פאלק.

משואה
MASSUAH

**דער 23־טער ציוניסטישער קאנגרעס, וואס וועט זיין דער ערשטער** ציוניסטישער קאנגרעס אין דער פרייער מדינת ישראל, דארף עפענען א נייעם **בלאט אין דער יידישער וועלט־געשיכטע. א גרויסער כבוד וועט געגעבן ווערן יעדעם איינעם וואס וועט זוכה זיין אפצוגעבן זיין שטימע בשעת די וואלן צום דאזיקן גרויסן קאנגרעס.**

## בירגער פון ישראל!

**איר אלע וואס איר האט פארבונדן אייערן לעבן און דאס לעבן פון אייערע** קינדער מיטן גורל פונעם דאזיקן לאנד, וועלכעס איז ענג פארבונדן מיטן גורל פון ציוניזם און פון גאנצן יידישן פאלק.

**באטראכט אייך גוט איידער איר וועט אפגעבן אייער שטימע בשעת די קאנגרעס־וואלן. גיט נישט אייער אינטערשטיצונג פאר די יעניקע וואס ווילן צעטיילן אונזער פאלק, עס צעברעקלען מיט דער הילף פון כלומרשטע קלאסן־אינטערעסן און קלאסן־פארטייען און אזוי ארום מאכן אונז צו א קרבן פון דער דאזיקער טראגישער מענשלעכער און יידישער עפאכע!**

**זאגט אפ אייער אונטערשטיצונג פאר די אלע וואס שעצן העכער זייער** פארטיי־אינטערעסן ווי די גוטסקייט פונעם גאנצן פאלק!

**שטיצט** בעסער די אלגעמיין־ציוניסטישע פראגרעסיווע פארטיי וואס אירע אידעאלן זענען:

**אייניקייט**

**קאנסטרוקטיווע ארבעט אין שטאדט און דארף.**

**שיכון און ארבעט גלייך פאר אלע**

**קאמף קעגן דעם פארטיי-רעזשים און פארטיי פראטעקציאניזם.**

**אלגעמיינע, פאראייניקטע נאציאנאלע דערציאונג פאר אלע יידישע קינדער**

**אונטערשטיצונג פון דער פריוואטער איניציאטיוו אויפן באזיס פון פאלקס-אינטערעס.**

**בירגער פון ישראל!**

**אונזער סימן צו די קאנגרעס-וואלן איז**

# פ

**אין נאמען פון:**

**חוג עולי פולין:**
ד"ר לאנגאס,
אינז' ראזענמאן,
מגר. ראסטאל.

**חוג עולי אונגריה:**
ד"ר בוסעליכעס,
ד"ר מארטאן.

**חוג עולי רומניה:**
ד"ר כוכבי,
ד"ר זינגער

**חוג עולי בוקובינה:**
ד"ר געלבער,
ליקווארניק.

משואה
MASSUAH

# פלאטפארם פון דער פראגרעסיווער אלגעמיין־ציוניסטישער פארטיי צו די קאנגרעס־וואלן אין ישראל

(אויסצוגן לויטן פארשלאג פון משה קול)

## די ציוניסטישע לאנדעס-ארגאניזאציעס.

„די הויפט שטרעבונג דארף זיין די אויפשטעלונג פון ציוניסטישע לאנדעס־ארגאניזאציעס, וועלכע נעמען ארום אלע אבגאניזירטע ציוניסטן אין באטרעפענ־לאנד. די ציוניסטן אויסער ישראל, דארפן זיך ניט פאראייניקן אדער צער־טיילן לויט דעם בוי פון די פראטייען אין ישראל אדער אין דער כנסת. די ציוניסטן אין גלות קענען נישט ענט־שיידן אין די פראגן, וועלכע צערטיילן די בירגער פון ישראל, ווי צ. ב. דער סאציאלער אדער קולטורעלער רעזשים אין לאנד. די ציוניסטן דארפן דאגעגן אין גלות זיין געאייניקט אין דער מער־הייט פון פראגן, וועלכע באציען זיך צו די קאמפעטענצן פון דער ציוניס־טישער ארגאניזאציע. מען דארף זוכן דעם וועג אויסצומידן די קינסטלעכע צערטיילונג אין גלות, פאראלעל צו די פארטייען אין ישראל, און געפינען די פאסענדע פארם פאר דעם מאקסימום פון אייניקייט און קאאפעראציע אין די ציוניסטישע לאנדעס ארגאניזאציעס.”

## די אבשאפונג פון „דאפעלטן” שקל.

די שותפות פון דער מדינה מיט דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין דער פארווירקליכונג פון דער ציוניסטישער וויזיע, פארפליכטן א גלייכקייט צווישן די ציוניסטן אין ישראל און אין גלות. דעריבער דארף מען אבשאפן די פריי־וויליגירטע רעכט, וועלכע איז זיינער־צייט געגעבן געווארן די שקל־צאלער אין ישראל.

## אבשאפונג פון סעפעראטע קאמפיינען

דער ציוניסטישער קאנגרעס דארף רעגולירן די פראגע פון דער צוקונפט פון די פארטייאישע פאנדן און קאמ־פיינען פאר קאנסטרוקטיווע צוועקן.

מען דארף ערנסט בעהאנדלען דעם פארשלאג צו פארבאטן אזעלכע קאמ־פיינען און זאמלונגען און אלס רעקאמ־פענסאציע, צערטיילן די דאזיקע פאנדן געוויסע פראצענטער פון צענטראלן ציו־ניסטישן בודזשעט.

## די באנאייאונג פון דער חלוצישער באוועגונג.

איינע פון די הויפט אויפגאבן פון דער ציוניסטישער באוועגונג, איז די באניי־אונג פון דער חלוצישער באוועגונג און איר פארוואנדלונג אין א צענטראלן כוח פון יונגן דור. די צענטראלע חלוצישע מיסיע, דארף זיין די זעלבסט־ פאר־ווירקליכונג דורך עליה און אויסלייזונג פון די וויסטענישן פון לאנד מאכענדיק זיי פרוכטבאר.

## די איינהייט פון דער קאנפעדע־ראציע — הויפט באדינג פארן ערפאלג פון 23-טן ציוניסטישן קאנגרעס.

„די עקזיסטענץ פון דער וועלט קאנ־פעדעראציע, וועלכע פארבינדעט אלע אלגעמיינע ציוניסטן אין דער וועלט, וועלכע זעהען אין דער פארווירקליכונג פון ציוניזם און אין דער סאציאלער און גייסטיקער באניאונג פון פאלק אין מדי־נת ישראל, די הויפט אויפגאבע פון אונ־זער דור, איז א הויפט באדינג פאר דעם דערפאלג פון דעם ציוניסטישן קאנגרעס.

א געאייניקטע אלגעמיינעציוניסטישע וועלט־קאנפעדעראציע וועט זיין דער הויפט־זייל פון ציוניסטישן קאנגרעס און פון דער ציוניסטישער וועלט ארגא־ניזאציע.

משואה
MASSUAH

# אפקלאנגען...

## יצחק גרינבוים פאדערט אויפצושטעלן א „פאלקס פראנט“ צו די כנסת־וואלן.

..לעצטנס איז פארגעקומען א צוזאמענטרעף פון אן ענגן קרייז פון אנהענגער פון יצחק גרינבוים, בעת וועלכן האט יצחק גרינבוים פארגעשלאגן די אויפשטעלונג פון א „פאלקס־פראנט“ צו די נאענסטע כנסת־וואלן. אזא פאלקס פראנט זאל, לויט יצחק גרינבוים, באשטיין פון די פראגרעסיווע אלגעמיינע ציוניסטן און מפ״ם. ה. גרינבוים האט דערקלערט, אז אויב אזא „פראנט“ וועט אנטשטיין, איז ער באנדייט ווערן איינער פון אקטיווע אנפירער.

די דאזיקע דערקלערונג פון ה. גרינבוים האט ארויסגערופן דערשטוינונג ביי זיינע צוהערער. די אנוועזנדע האבן שארף קריטיקירט די שטעלונג פון יצחק גרינבוים לטובת מפ״ם און זיין באטייליקונג אין „קאמיטעט פאר שלום“.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאנען, אז אויף דער איניציאטיוו פון פראגרעסיווע אלגעמיינע ציוניסטן איז פארגעקומען א באגעגעניש פון פארשטעהער פון דער פארטיי מיט ה. גרינבוים: די פארשטייער פון די פראגרעסיווע אלגעמיינע ציוניסטן האבן געמאכט א פרוב צו ברענגען ה. גרינבוים אינערהאלב די רייען פון דעם פראגרעסיוון אלגעמיינעם ציוניזם. אבער די דאזיקע באמיאונגען זענען דורכגעפאלן.

די הייסטע אנהענגער פון יצחק גרינבוים זענען פארביטערט פון פאקט דאס ה. גרינבוים איז א פערמאנענטער מיטארבעטער און לייטונגס־מיטגליד פון מפ״ם־ארגאן „על־המשמר“ און ער באטייליקט זיך אין פראקאמוניסטישן „קאמיטעט פאר שלום“.

פון קרייזן וועלכע שטייען נאנט צו ה. גרינבוים דערוויסן מיר זיך אז זיי האבן באשלאסן צוטרעטן אקטיוו צו דער פראגרעסיווער אלגעמיינציוניסטישער באוועגונג. זיי האבן ביז איצט זיך אפגעהאלטן פון אקטיווער ארבייט אין דער פארטיי האפענדיק אז עס וועט זיי געלונגען איבערצוצייגן ה. גרינבוים, איבערצורייסן זיין „פלירט“ מיט מפ״ם. ווען דאס איז זיי נישט געלונגען האבן זיי באשלאסן זיך אריינצווווארפן אין דער פארטיי־ארבייט פון דעם פראגרעסיוון אלגעמיינעם ציוניזם.

## יצחק גרינבוים, ציט זיך צוריק פון פאליטישן לעבן?

מיר דערוויסן זיך פון גוט אינפארמירט עקוועלן, אז ה. גרינבוים האט באשלאסן מער נישט דערשיינען צו די נאענסטע וואלן צום קאנגרעס און כנסת.

זייענדיק אן אביעקט פון א שארפער קריטיק מצד זיינע נאענטע אנהענגער, צוליב זיין „דערנענטערונג“ צו מפ״ם, האט ה. גרינבוים באשלאסן זיך צוריקצוציען פון פאליטישן לעבן. ה. גרינבוים וועט בלייבן מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו פון דער אגענץ ביז דעם נאענסטן קאנגרעס. נאכדעם וועט ה. גרינבוים זיך ווידמען זיינע ליטעראריש־היסטארישע ארבעטן.

## פארוואס זענען די „ציונים כלליים“ געגן קאנגרעס־וואלן?

די ציונים כלליים זעצן פאר זייערע באמיאונגען צו מאכן די קאנגרעס־וואלן אוממעגלעך אין דער באשטימטער דאטע. בכלל ווילן די „ציונים כלליים“ קיין וואלן נישט. א הסכם צווישן פארטייען זעהט אויס צו זיין אין זייערע אויגן גינסטיקער נאך די כנסת וואלן.

די ציונים כלליים, האבן מורא פאר א דורכפאל ביי קאנגרעס־וואלן, ווייל זיי וועלן דאך נישט קענען באנוצן זייער אנטירעגירונגס־פראפאגאנדע ביי וואלן, וועלכע האבן צו טאן מיט ריין ציוניסטישע ענינים.

די רעזולטאטן פון די וואלן צום ציוניסטישן קאנגרעס, אדער פארטיי הסכמים אין אלע לענדער אין דער וועלט, האבן באוויזן, אז די ציונים כלליים האבן

משואה
MASSUAH

באוויזן. צוציען אויף זייער זייט בלויז א קליינע צאל קאנגרעס־דעלעגאטן. איבער 65 פראצענט פון אלע אלגעמיינ־ציוניסטישע קאנגרעס־דעלעגאטן שטיצן דעם פראגרעסיוון אלגעמיינציוניסטישן פליגל.

די ציונים כלליים, ווייסן נישט מיט וואס צו קומען צו די קאנגרעס־וואלן. מען קען דאך נישט העצען וועגן פארגרעסערן די פארציעס פון פלייש און קאפע ביי קאנגרעס וואלן.

פון דער אנדערער זייט, א מפלה ביי די קאנגרעס וואלן, וועט זיין א שטארקער קלאפ פאר די ציונים כלליים צו זייער וואל־קאמפאניע צו דער נייער כנסת.

יעדנפאלס די מערהייט פון דער ציוניסטישער באוועגונג וועט מיט צופרידנהייט אויפנעמען די ידיעה, אז עס איז צונישט געמאכט געווארן דער פרוב אבצושלעפן דאס צונויפרופן דעם ציוניסטישן קאנגרעס צוליב פארטייאישע אויסרעכענונגען.

ח—ץ.

# פארשנעלערן דעם בוי פון שיכונים

## ווי אזוי דערגרייכט מען דאס?

(א געשפרעך מיטן כנסת־דעפוטאט פון דער פראגרעסיווער פארטיי **אידוב כהן**)

בשעת א מאסן־פארזאמלונג פון דער פראגרעסיווער פארטיי אין פרדס חנה האט דער כנסת־דעפוטאט ח׳ אידוב כהן באריררט די פראגע פון שיכון פאר עולים אין א נייעם און א סך מער אומפאנגרייכן אספעקט. ווי דער ענין איז געווען ביז איצט באהאנדלט. מיר האבן זיך געווענדעט צום ח׳ כהן מיט אייניקע פראגן אין דער הינזיכט.

### שיכון אלץ א נאציאנאל־עקאנאמישע פראגע.

— ווי זעט איר די פראגע פון שיכון פאר עולים אין יאר 1951?

— איך זע די דאזיקע פראגע אין אן צוזאמענהאנג, וואס שטייגט איבער א פעריאד פון איין יאר. אבער בשעת ווען מ׳פרעגט מיך וועגן 1951 יאר, מוז איך באמערקן אז מיר געפונען זיך שוין אין מאנאט מאי און קיין שום פולשטענדיקער בוי־פראגראם איז נאך ביז איצט נישט פארעפנטלעכט געווארן. די רעגירונג האט צו פארצייכענען אן ערנסטן דעפיציט אין איר שיכון־פראגראם: אין 1949/50 זענען אונז פארשפראכן געווארן 27 טויזנט דירות, וויפיל זענען אויפגעבויט געווארן? פארן יאר 1950/51 זענען צוגעזאגט געווארן 50 טויזנט דירות און אין דעם פאל באשטייט דער דעפיציט, שוין נישט אין טויזנטער נאר אין צענטליקער טויזנטער דירות! אויב מיר ווילן און מוזן — און איך בין אין דער מיינונג, אז מיר מוזן — געבן פיר ווענט און א דאך יעדער איינער משפחה וואס זיצט אין א מחנה אדער אין א געצלט אין דער מעברה במשך פון איין יאר, דאן דארפן מיר געמוזט (נישט רעכענדיק דאס דעקן פון די דעפיציטן פון פארגאנגענע צוויי יארן) אויפשטעלן א בוי־פראגראם פאר עולים מיט דער לאזונג:

הונדערט טויזנט דירות אין 1951!

— האלט איר דאס פאר מעגלעך?

— אמת, נישט אין אלע אומשטענדן... איך האלט עס פאר מעגלעך אין געוויסע באדינגונגען, וועלכע אין דער אמתן האבן ביז איצט נישט עקזיסטירט און מ׳וואלט זיי געדארפט ערשט שאפן. עס איז אמת, אז בויען דירות אין אזא אויסמאס פארגרעסערט די סכנה פון אן אינפלאציע, ווייל דאס באדייטעט ווייניקער דעוויזן פאר לעדער און פעדעמס, פאר שטאף און זיידן, פאר מאשינען און רוישטאפן, וואס זאלן פארמערן דעם סחורות־אנגעבאט אין לאנד און מער דעוויזן פאר צעמענט, האלץ, אייזן און אנדערע בוי־מאטעריאלן. ליידער זע איך, אז די טענדענץ פון דער רעגירונג איז נאכצוגעבן די עקאנאמישע פאדערונגען און דעם פאליטישן־סאציאלן דרוק מצד אלע שיכטן פונעם אלטן ישוב, וואס זענען פאראינטערעסירט אין אנטי־אינפלאציאנישע

משואה
MASSUAH

מאסנאמען, אין א גרעסערן סחורות־אנגעבאט און אין א פולשטענדיקער באשעפטיקונג אין מסחר און אינדוסטריע ווי... אין דעם נישט־עקאנאמישן ציל פון אינוועסטירן 50 מיליאן דאלאר אין בוי־מאטעריאל פון אויסלאנד. אלע עקאנאמישע שיכטן אין דער מדינה האבן זעיִרע קאמפ־ארגאנען און זייערע איינפלוס־מיטלען אויף די רעגירונג. די איינציקע שיכט, וואס איר איינאיינציקער עקאנאמישער אינטערעס איז: א דירה! איז א שטומע שיכט אן א אייגענעם ארגאן און אן מיטלען פון דרוק אויף דער רעגירונג! און איך פרעג זיך צו איז דאס א געזונטער מצב? צו וועלן מיר אויף אזא אופן אמאל דעריאגן דעם אלץ גרעסערן דעפיציט אין שיכון פאר עולים?!

— וואס רעכנט איר מוז געטון ווערן?

— איך האלט אז מיר, די פראגרעסיווע פארטיי, מוזן מיר דאסמאל קלאר אנטשיידן צו זענען מיר — ווי מיר זאגן — אין דער אמתן א פארטיי פון עולים! אויב יא, דאן מוז אנגענומען ווערן דער פאלגנדיקער פלאן:

1. פון די ערשטע צענדליקער מיליאנען, וואס, וועלן אריינפליסן פון אמעריקע אין די קומענדיקע מאנאטן, מוזן געזיכערט ווערן 50 מיליאן דאלאר פאר בוי־מאטעריאלן, וועלכע זענען נויטיק בכדי אויסצובויען במשך פון 12—18 חדשים מאקסימום, הונדערט טויזנט דירות פאר עולים.

2. יעדער עולה, וואס געפינט זיך אין לאגער איבער 6 מאנאטן, מוז אין משך פון פעריאד פון 12 חדשים קומען צו א דירה.

3. בכדי צו פארזיכערן די דורכפירונג פונעם פלאן, מוז געשאפן ווערן אין דער נייער רעגירונג א ספעציעל מיניסטעריום פאר שיכון מיט א פארזיכערטן נויטיקן ביודזשעט און דעוויזן.

4. די אויבנדערמאנטע דריי פונקטן האבן שאנסן דורכגעפירט צו ווערן נאר בתנאי אז די „עולים־און־שיכון" זאלן שאפן אן ארגאניזירטע סאציאל־עקאנאמישע שיכטע וואס איר שטים זאל געהערט ווערן און איר דרוק זאל דערפילט ווערן אין דער רעגירונג נישט ווייניקער ווי דער דרוק פון „סוחרים, אינדוסטריעלער און ארבעטער. דער איינציקער ציל דארף זיין: „קודם כל פיר וועגט פארן עולה — דערנאך שפע און פראספעריטי פאר אלע...!"

— ווי אזוי דענקט איר דורכצוזעצן אט דעם פיר־פונקטן פראגראם?

— איך וועל אנווענדן אלע מיטלען כדי אונזער פארטיי זאל אויף זיך נעמען דעם דאזיקן פראגראם אלס א פארפליכטענדיקע רעגירונגס־פלאטפארם. איך בין אבער זייער פארזארגט צוליב די לעצטע היפיקע „בשורות" „צוזאגן" מצד כל מיני רעגירונגס באאמטע און מיניסטארן, אז עס וועט באלד זיין אלדאס גוטס, רוישטאפן, סחורות א. א. וו. און איך האב מורא, אז אין דער פארטיילונג פון די „נייע דאלארן" זאל מען נישט צו פיל פארגעסן די באדערפענישן פון די נייע עולים אין באצוג אויף שיכון. אמת איז אויך דער עולה פאראינטערעסירט אין פרנסה, אין פראספעריטי, אבער דאס אלץ הייבט זיך אן פאר אים נאכדעם ווען ער איז שוין געקומען צו א דירה! לײדער האבן מיר גארנישט געהערט וועלכע סומען דענקט די רעגירונג „אוועקלייגן" פארן אימפארט פון בוי־מאטעריאל? שוין־זשע וועלן מיר פארשווענדעריש זארגן פארן ישוב־מיט־דירות און פארגעסן אז א דריטל פון דער באפעלקערונג איז נאך אן דירות?

— גלייבט איר נישט, אז ס'איז א ביסל געוואגט צו „איבערטרייבן" מיט אזא ברייטן בוי־פראגראם?

— מן הסתם שטעלט איר די דאזיקע פראגע פון עקאנאמישן שטאנד־פונקט. דערויף ענטפער איך: ערשטנס איז א דירה דער ערשטער באדינג פאר פראדוקטיוויזירן צענטליקער טויזנטער מענשן. צווייטנס — ווען מיר זאלן האלטן דערביי, אז די עולים, וואס זענען היינט אין לאנד אן דירות זענען, חלילה, די לעצטע עולים און מער קומען נישט, וואלט עקאנאמיש ריכטיקער געווען זיי לאנגזאם אריינצופירן אין דירות און קודם זארגן פארן עקאנאמישן מצב פון

משואה
MASSUAH

די אלט־איינגעזעסענע שיכטן. אבער די עליה, גאט זיי דאנק, גייט פארווערטס. הונדערטער טויזנטער קומען אריין. קוים ווען מיר ליקווידירן וואס שנעלער דעם דעפיציט אין דירות, וואס וועלן מיר טון איבער א יאר אדער צוויי? צו וועלן מיר באמת קענען „רעדן" וועגן

אריינלאזן נאך א מיליאן יידן במשך פון א קורצער צייט און נישט בויען אפילו הונדערט טויזנט עולים' דירות אין א יאר, ווען מיר באקומען די אמע־ריקאנישע רעגירונגס־הילף און די „הל־וואה" פון די אמעריקאנער יידן?

**אידוב כהן**

# פון אונזער טעטיקייט...

## אין קאמף קעגן אינפלאציע

אין תל אביב איז פארגעקומען א לאנדעס־כינוס געווידמעט דעם קאמף קעגן אינפלאציע. דער דאזיקער כינוס איז ארגאניזירט געווארן דורך דער. פראגרעסיווער פארטיי און עס האבן אין אים אנטיילגענומען פערזענלעכקייטן פון די פארשידענעווירטשאפטלעכע קרייזן אין לאנד. דער כינוס האט באשלאסן אנצונעמען מיטלען פון ווירטשאפטלעכן און פאליטישע כאראקטער, בכדי צו באקעמפן די אינפלאציע וואס שטעלט אונזער מדינה אין א גרויסן געפאר. מיט רעפעראטן זענען אויפגעטראטן ד"ר א. גרנות, כנסת דעפוטאט און דירעקטאר פון קרן הקימת און ד"ר ה. פערדער — כנסת דעפוטאט און דירעקטאר פון „ראסקא".

## א פייערלעכקייט אין דעם מושב „יד־שמשון" (אשדוד ד')

אן איינדרוקספולע פייערונג איז פארגעקו־מען אין דעם מושב פון „העובד הציוני" „יד שמשון", אין דרום־טייל פון לאנד, וואו מיט א יאר צוריק האבן זיך באזעצט אונזערע חברים, עולים פון טריפאליס און ליביע. ווער האט באזוכט דעם דאזיקן פלאץ מיט א יאר צוריק קען באגרייפן די אויסערגעווינלעכע אנטוויקלונג וואס דער מושב האט דורגעמאכט אין משך פון אזא קורצער צייט. פון די אמא־ליקע פאלאטקעס איז קיין שפור נישט געבליבן. די גאנצע, 500 נפשות רעכענדיקע באפעלקע־רונג וואוינט שוין אין שיינע געמויערטע היי־זער, וואס זענען ארומגערינגלט מיט גרינס־גארטנס. אין מושב איז פאראן אן אייגענע שולע, א קלוב, א קראנקן־הויז און א צרכניה. ביי יעדן הויז געפינט זיך א הינער־שטאל. דאס יאר זענען פארזייט געווארן 1500 דונאם תבואה. מ' האט שוין פארלייגט 12 טויזנט מעטער וואסער־רערן און נאכדעם ווי דאס ארט האט זיך אויסגעוויזן זייער רייך אין וואסער, וועט זיין פאר יעדעם איינעם וואסער בשפע. דער באדן פונעם מושב געהערט צו די פרוכטבארסטע אין דער געגענט און דע־ריבער איז פאראן א מעגלעכקייט פון א שנעלער אנטוויקלונג.

אין דער פייערונג האבן אנטיילגענומען חבר משה קול און יהודה שערי, וועלכע האבן באגריסט די חברים פון מושב און געוואונטשט ווייטעריקן דערפאלג. אין נאמען פון דער מושבים — רעפעראט פון העובד הציוני האט גערעדט ח' משה בראון, אין נאמען פון דער התישבות־אפטיילונג פון דער סוכנות האט באגריסט איר א פארשטייער. אויף דער פייערונג האבן זיך באטייליגט א סך געסט און פאר־שטייער פון אנדערע אונזערע ישובים.

## א חברים־צוזאמענפאר פאר פא־ליטישער אוןווירטשאפטלעכער אינפארמאציע.

אין תל־אביב איז פארגעקומען א צוזא־מענפאר פון אונזערע אקטיוויסטן פון גאנצן לאנד מיטן ציל דערטיילן אינפאר־מאציע וועגן דער פאליטישער און עקאנאמישער לאגע אין דער מדינה. דער יוסטיץ־מיניסטער ד"ר פנחס רוזן האט רעפערירט. אויף דער טעמע „אונזער טייל אין דער רעגירונג", ד"ר פערדער — „אונזער שטעלונג אין פראגן פון אויסן־פאליטיק און זיכערקייט" און אידוב כהן א. ד. ט. דער כך הכל און די פערספעקטיוון פון דער פראגרעסיווער פארטיי.

# מיטן זעלבן סיסטעם...

מיט גרויס אינטערעס האב איך געלײנט דעם לײט־אַרטיקל אין „הבוקר" וועגן דעם סקאַנדאַל אין מגדל־גד, וואו מפא"י־מענשן האָבן אויפגעריסן אַ פאַרזאַמלונג פון די „ציונים כלליים" און דער רעדנער איז פאַרוואונדעט געוואָרן. איך שליס מיך אָן צום פּראָטעסט קעגן אַזעלכע מעשים, וואָס פּאַסן נישט פאַר קולטורעלע מענשן.

אָבער בשעת דאָס דאַזיקע אַרומרייסן זיך פאַר מאַכט און פּראָוון צו באַהערשן די נייע עולים, ווי אַזוי זענען זיך נוהג די „ציונים כלליים" אַליין?

איך ברענג פאַר אײך עטלעכע פאַקטן:

ווי באַוואוסט וויל די מפא"י דעראָבערן די נייע עולים מיט דער הילף פון די אַרבעטס־אַמטן (לשכות עבודה), וואָס געפינען זיך אונטער איר השפּעה. וואָס טוען אָבער די אַקטיוויסטן פון די „ציונים כלליים" נישט האָבנדיק אין זייערע הענט דעם דאַזיקן מכשיר? זיי פאַרטיילן מלבושים זייערע אָנהענגער און זאָגן צו דערלויבענישן אויף געוועלבער פאַר זייערע טוערס אין די ישובים, וואָס אונטערליגן מוניציפּאַליטעטן וואו זיי האָבן די מערהייט. די דערלויבענישן ווערן געגעבן דווקא נישט פאַר אַלטע און אינוואַלידן נאָר פאַר יונגע געזונטע בחורים.

איז די דאַזיקע זאַך מער מאָראַליש ווי דער פּראָטעקציע־סיסטעם ביים פאַרטיילן אַרבעט?

אין דער געגנט פון תל אביב איז פאַראַן אַ שיכון פון „העובד הציוני" די אײנוואוינער האָבן געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די שטאָט־ראַטן אין תל אביב און רמת גן וועגן אײנגלידערן דעם שיכון אין שטח פון תל אביב אָדער רמת גן. זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אָפּזאָג. פּלוצלים דערשיינען אין אַ שיינעם פרימאָרגן פאַרשטייער פון די „ציונים כלליים" מיט אַ בשורה: ס'איז פאַראַן אַ מעגליכקייט צו דערלעדיקן די זאַך נאָר מיט איין באַדינג...

דער תנאי איז — אַרייַנטרעטן פון די שכון־אײנוואוינער אין די פּאַרטיי פון „ציונים כלליים".

דאָס איז אָבער נישט אַלץ.

זיי טענהן טאָג און נאַכט אַז מ'זאָל זיי געבן אַ מעגלעכקייט אײנאָרדנען פרייע פאַרזאַמלונגען און נוצן אויס דעם בײשפּיל פון מגדל גד בכדי צו באַווייזן דעם אונטערדריקונגס־רעזשים פון מפא"י. זיי שעמען זיך אָבער נישט נאָכצומאַכן מפא"י ווען עס לאָזט זיך נאָר.

אויף אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין ירושלים וואו עס האָט אויפגעטרעטן ד"ר נחום גאָלדמאַן האָבן אָנהענגער פון די „ציונים כלליים" פּרובירט אויפצורייסן די פאַרזאַמלונג מיט הילף פון סקאַנדאַלן און שלעגערייען ביז מ'האָט געמוזט רופן פּאָליציי.

זעען מיר אַלזאָ, אַז פאַקטיש איז נישט פאַראַן קיין שום אונטערשייד צווישן די מעטאָדן פון די „ציונים כלליים" און מפא"י. מפא"י נוצט אויס פאַר איר טובה די געזעלשאַפטלעכע אַרבעטס־אַמטן און די ציונים כלליים ווידער באַנוצן זיך מיט די געזעלשאַפטלעך־בירגערלעכע אינסטיטוציעס.

הלל זיידל



משואה
MASSUAH

דוד שיין,

# ווי אזוי גייט עס צו...

דער מיטארבעטער פון דער ארגאניזאציאנס־אפטיילונג אין דעם מדור לעולים געט אונז איבער אינפארמאציעס אין באציג אויף די אומשטענדן, אין וועלכע עס קומט אויס אונזערע חברים צו ארבעטן אין מחנות עולים און מעבריה.

„עס וואלט זיך געדאכט, אז עס הערשט מרשט א פארשטענדיקונגס־גייסט צווישן די ביידע פארטייען — מפא״י און פראגרעסיווע. האבן דען נישט די מנהיגים פון די ביידע פארטייען א גלייכע שטעלונג לגבי א סך מדינה פראבלעמען? פאקטיש אבער ווייזט זיך אויס, אז די קליינע פארטיי־פונקציאנערן פון מפא״י ווילן פון דעם דאזיקן באקט גארנישט הערן און געדענקען. זיי ווענדן אן אלע מיטלען נישט אייביק פארלאמענטארישע, בכדי אונז צו שטערן אין אונזער ארבעט און אונטערגרובן אונזער פרעסטיזש ביי די עולים.

זילט איר הערן וועגן א פאר „בלימעלעך" פון זייער טעטיקייט:

אין מחנה עבודה אחוזה האט דער „חצרן", איינער פון די אקטיווע מפא״י מיטגלידער אויפן ארט, זיך דערלויבט פיזיש אנגרייפן דעם פארזיצער פון אונזערן סניף. דעם „קעמפערישן" חברן האט מען טאקע באלד אפגעזאגט פון דער ארבעט, אבער אין א קורצער צייט ארום, א דאנק דער אינטערווענץ פון צענטראלע פארטיי־ארגאנען, האט ער ווידער צוריקבאקומען זיין פאסטן. מ׳קען זיך פארשטעלן די געוואלטיקע אויפרעגונג, וואס האט געהערשט אין דער מחנה, וואו דער רוב פון עולים זענען חברים פון דער פראגרעסיווער פארטיי און „העובד הציוני".

אין מחנה פרדס חנה ג׳ געהערט איינער פון די ארטיקע בעאמטע צו די אקטיוויסטע מפא״י טוערס און „האלט דאס פרעזידיום" פון יעדער איינער מפא״י־פארזאמלונג. האטש דאס איז אים פארבאטן דורכן רעגולאמין פון די סוכנות־בעאמטע. מיר וואלטן אפשר זיך דערמיט נישט אינטערעסירט, ווען נישט דער געפערלעכער קאמפס־גייסט וואס באהערשט דעם דאזיקן בעאמטן אנטקעגן דער פראגרעסיווער פארטיי. איינעם א טאג זענען די עניים געגאנגען אזוי ווייט, אז מ׳האט אנגעפאלן, מיט יענעם מפא״יאישן פקיד בראש, אויף א פארזאמלונג פון אונזערן ארטיקן סניף, צעריסן פלאקאטן און באליידיקט שווער די פארזאמלטע. די דאזיקע זאך האט געדארפט דינען אלס א רעאקציע מצד מפא״י אויף דער געלונגענער רעגעסטראציע־קאמפיין פון דער פראגרעסיווער פארטיי אין פרדס חנה.

אין עולים־מחנה עין שמר עקזיסטירט א פולקאמע הארמאניע צווישן מפא״י און רעליגיעזע. דארט האט מען אפגעגעבן דעם קלוב־זאל צו דער דיספאזיץ פון די פרומע אז זיי זאלן איינארדנען דארט יעדן שבת נאכמיטאג שלוש סעודות. דערצו באקומען זיי צום דאזיקן צוועק די בעסטע מאכלים פון דער קוך. פרעגט זיך פארוואס מאכט דאס די מפא״י? ווייזט זיך אויס, אז די פראגרעסיווע פארטיי האט שוין פון לאנגע חדשים איינגעפירט א מנהג פון איינארדנען יעדן שבת נאכמיטאג פארזאמלונגען אינעם זעלבן קלוב־זאל. מ׳פלעג זינגען לידער, שמועסן וועגן אקטואליטעטן און לערנען שלום־עליכם. די דאזיקע פארזאמלונגען פלעגן צוציען א גרויסן צאל פון באזוכער און געווען זייער נוצלעך פאר די עולים. דאס האט אבער נישט געפעלן די מפא״י און דעריבער האט מען איבערגעגעבן דעם זאל די רעליגיעזע. פרעגט זיך: איז דען נישט בעסער איינצוארדנען שלוש סעודות אין דער שול?

אין דער מעברה חולון באנוצן זיך די מפא״י־אקטיוויסטן מיט דער הילף פון א גרופע עיראקישע עולים, דרך אגב אלע „באוואוסטזיניקע ציוניסטן", בכדי אונז צו שטערן אין אונזער רעגעסטרא־

משואה
MASSUAH

ציע־ארבעט. אונזערע ארטיקע טוערס האבן שוין נישט איינמאל געהערט דראונגען אויף זייערן אדרעס און דערקלערונגען, אז די מעברה אין חולון איז א פעסטונג פון מפא״י און דעריבער קען דארט קיין שום אנדערע פארטיי נישט עקזיסטירן. לעצטנס האט מען זיי אפילו דערקלערט, אז אויב עס וועלן נישט העלפן ווערטער וועט מען איבערגיין צו... מעשים.

אין דער מעבדה בנימינה איז א דאנק דער ענגער צוזאמענארבעט פון די ארטיקע מפא״י און מפ״ם עסקנים אפילו געקומען שוין צו מעשים. מיט א קורצער צייט צוריק האט מען דארט מיט „געאייניקטע״ כוחות צעטריבן מיט געוואלד און טערור א פארזאמלונג פון דער פראגרעסיווער פארטיי. אינעם סקאנדאל האט זיך ארייגעמישט די פאליציי און מ׳פירט איצט אן אויספארשונג:״

די דאזיקע פאר באשרייבונגען קענען געבן א געוויסן בילד פון דעם מצב וואס הערשט אין די מחנות אין באצוג אויף דער ציוניסטישער אויפקלערונגס־ארבעט. דאס בילד איז אבער ווייט נישט פולקאם און אין קורצן וועלן מיר ברענגען פאר אונזערע לייענער נאך עטלעכע אינפארמאציעס וועגן דער לאגע.

# ידיעות פון דער באוועגונג

## פאר די וואלן צום ציוניסטישן קאנגרעס

די פארברייטונגען צו די באפארשטייענדיקע וואלן צום 23־טן ציוניסטישן קאנגרעס געפונען זיך אין פולען ברען. אין אלע סניפים ווערט דורכגעפירט די רעגיסטראציע און עס ווערן צוגעגרייט אינדענטיטיעס־קארטן פאר די חברים. אלע חברים זיינען באויפטראגט גוט צו היטן זייערן שקל און אויך זייער קארטע, וויל אן די דאזיקע צוויי דאקומענטן וועט נישט זיין מעגלעך אפצוגעבן זייער שטימע בשעת די קאנגרעס־וואלן. די הסתדרות־מיטגלידער קענען באקומען זייערן שקל אין די ארטיקע הסתדרות־אמטן (לשכות המס). דער סעקרעטאריאט האט שוין צוגעגרייט א רייכן פראפאגאנדע מאטעריאל צו די וואלן. דער דאזיקער מאטעריאל וועט צעשיקט ווערן אין אלע סניפים אין לאנד. אלע קאמיטעטן ווערן אויפגעפאדערט גוט אויסצונוצן דעם דאזיקן מאטעריאל. אונזער סימן צו די וואלן אין ווי אייביק — פ.

## די זיצונג פונעם אקציאנס-ראט פון דער פראגרעסיווער פארטיי.

די לעצטע זיצונג פונעם ראט איז געווידמעט געווען דעם באשטעטיקן פון אונזער פלאטפארם צום 23־טן ציוניסטישן קאנגרעס. געעפנט די בעראטונג האט דער יוסטיץ־מיניסטער ד״ר פנחס רוזן און דאן האט ח׳ משה קול, עקזעקוטיוו־מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און לייטער פון „עלית הנוער״ פארגעשלאגן זיין פראיעקט פון דער פלאטפארם (איינצלהייטן פון דעם דאזיקן פראיעקט ברענגען מיר אינעם היינטיקן נומער). נאכן רעפעראט האט זיך אנטוויקלט א לעבהאפטע דיסקוסיע. דער אנטגילטיקער באשלוס וועגן אננעמען דעם פלאטפארם־פארשלאג איז אפגעלייגט געווארן צו דער צווייטער זיצונג.

## אין די עולים-קרייזן.

די טעטיקייט צווישן די עולים־קרייזן נעמט אן כסדר א וואס גרעסערן פארנעם. דאס איינשרייבן זיך פון נייע חברים אין די רייען פון דער פראגרעסיווער פארטיי איז מאסנהאפט. אין צאלרייכע פארזאמלונגען און מסיבות, וועלכע זענען פארבונדן געווען מיטן פארטיילן פון מיטגלידס־קארטן האבן אנטיילגענומען די חברים ד״ר פערדער און משה קול — אין מחנה ישראל ; משה גאלדשטיין — אין עין שמר ; אידוב כהן — אין מחנה עולים נתניה ; יצחק הערציג, נחום שוחט און א. ראססאל אין פרדס חנה, עין שמר, אחווה און בת גלים ; אברהם הורי אין באר יעקב.

## צוזאמענפארן פון עולים

עולים־קרייזן פון פארשידענע לענדער גרייטן איצט צו זייערע לאנדעס־צוזאמענפארן. דער צוזאמענפאר פון רומענישע און פוילישע עולים וועלן פארקומען אין דער נאנסטער צייט. די דאזיקע צוזאמענטרעפן וועלן באצייכענען דעם

משואה
MASSUAH

גרויסן וואוקס פון די עולים־קרייזן אין משך פון די לעצטע מאנאטן.

## דער מצב אין סניפים און אין די מעברות

דער ארגאניזאציאנעלער מצב פון די סניפים אין די מעברות פארבעסערט זיך כסדר. אלע ארטיקע סניף־קאמיטעטן האבן צוגעטרעטן מיט ענערגיע צו דער ארבעט. עס זענען פארגע־קומען צענדליקער פארזאמלונגען און אויפ־קלערונגס־זיצונגען. אין יעדער איינער מעברה האבן זיך געפונען א ריי אקטיוויסטן פון די גלות־לענדער, וועלכע האבן זיך געשטעלט צו דער דיספאזיציע פון דער פארטיי. א גרויסן דער־פאלג האט געהאט די רעגיסטראציע־קאמפיין אין די מעברות. דער ארגאניזאציעס־מאנאט האט ארויינגעפירט א סך אויפלעבונג און טראצדעם וואס ער האט זיך שוין געענדיקט ווערט די ארבעט געפירט מיטן זעלבן שוואונג און גוטן דערפאלג. דער צענטראלער סעק־רעטאריאט לעגט א גרויסן אכט אויף דער ארבעט אין מעברות און ארגאניזירט איצט א נייע סדרה פון באזוכן אין אלע פונקטן אין לאנד וואו עס געפונען זיך מעברות: טירה, נהריה, עפולה, יקנעם, יבניאל, מגדל, ראש פנה, חלסה, צפת, בית שאן, טבריה, ראשון לציון, בנימינה, רמת השרון, אבן יהודה, רמת הדר, מגדל גד, רחובות, קסטינה, חולון, בני ברק, באר שבע, כפר סבא, מגדיאל און הרצליה.

## באזוכן און רעפארטן

אין באר שבע איז פארגעקומען א מאסן־פארזאמלונג מיטן אנטייל פון דעם כנסת־דעפוטאט אידוב כהן און דער לייטער פונעם ארטיקן סניף פראפ. בלאנדער.

אין דעם צריפונים־מחנה אין נתניה האט רעפערירט ח' גאוויזאן. דעם מחנה עולים הרצליה־דשעליל האט באזוכט ח' שיין. אויפן עולים־סעמינאר פאר חברים פון רומעניע אין תל אביב האט רעפערירט ח' אידוב כהן, וועלכער האט אויך אויפגעטרעטן מיט א רעפעראט אויף א מאסן־מיטינג אין דער מחנה עולים אין נתניה. אין דער מעברה רמת השרון האט באזוכט דעם סניף ד"ר שולמאן. יהודה שערי האט רעפערירט אין רמלה, לוד און אין דעם מושב בית יהושע, אויף א פאר־זאמלונג פונעם סניף אין דער מתנה באר יעקב האט וועגן די אקטועלע פראבלעמען פון דער פראגרעסיווער פארטיי רעפערירט דער ח' אליהו אייזנבערג.

# אין הנוער הציוני

בשעת דעם צוזאמענפאר פון די קיבוצים אין מגדיאל האט דער יוסטיץ מיניסטער ד"ר פנחס רוזן געזאגט: די הויפט פראגע באַ־שטייט נישט אין דעם צו איז אונזער פארטיי גרויס אדער קליין. דער עיקר איז צו איז זי גוט? מיר גלויבן אז די ווירקלעכקייט פון אונזער מדינה באשטעטיקט אונזערע פאלגענדיקע פאסטולאטן:

א) קאאפעראציע פון אלע שיכטן און קלאסן און נישט א קלאסן־רעזשים, וועלכער דינט נישט דעם ציוניסטישן אינטערעס — לכל הפחות אין אונזער תקופה.

ב) אן אמתער דעמאקראטישער רעזשים. עס זענען פאראן פארטייען אין דער כנסת, וואס מ'קען צווייפלען אין זייערן דעמאקרא־טישן כאראקטער און אין זייערע דעמאקרא־טישע טענדענצן.

ג) אן עקאנאמישע פאליטיק, וואס זאל גלייך זיך באציען צו אלע סעקטארן און זארגן פאר זייערן קיום פון א מלוכה'שן שטאנד־פונקט.

די ציוניס כלליים, וואס רופן זיך אן א ליבעראלע פארטיי, הילן פאקטיש דערפירן די מדינה צו פולשטענדיקער עקאנאמישער הפקרות.

דער יוסטיץ־מיניסטער האט אויסגעדריקט זיין האפנונג, אז טראץ דעם שווערן ווירטשאפט־לעכן מצב איז פאראן א האפענונג אויף א פארבעסערונג צוליב די רעזולטאטן פון דער זאמלונגס־אקציע (מגבית) און דער קאמפיין פון הלוואה, גלייכצייטיק איז פאראן א מעגלעכ־קייט צו באקומען א הילף פון די פאראייניקטע שטאטן.

ביים פארענדיקן זיין רעדע האט ד"ר רוזן מודיע געווען, אז די פראגרעסיווע פארטיי וועט בטענות די קומענדיקע וואלן קעמפן פארן פארי פון איר פארשטייערשאפט אין דער כנסת און רעגירונג.

משואה
MASSUAH

דער מיטגליד פון סוכנות־לייטונג ה׳ משה קול האט זיך אין זיין רעדע אפגעשטעלט אויף דער נויטווענדיקייט צו געפונען א נייעם אויס־דרוק פארן ציוניזם נאכדעם ווי די מדינה איז אנטשטאנען, און אים פארוואנדלען אין א קאמפס־אידעאל, וואס וועט נעמען אויף זיך די אויפגאבע דורכצופירן דעם קיבוץ גלויות אין אלע לענדער און אין אלע באוועגונגען. דאס פארייטעט או די אמעריקאנישע און ענג־לישע ציוניסטן וועלן דארפן אוועקגעשטעלט ווערן פאר א שווערן נסיון. מ׳קען דאך נישט וויסן — האט געזאגט דער רעדנער — צו וועט אייביק דויערן דער אידעאלער מצב פון פריינטשאפט צווישן ישראל און די וועלט־פעלקער. מיר קענען דאן געשטעלט ווערן פאר א שווערער פראווע. ה׳ קול האט גערופן בודק צו זיין דעם בנין פון דער ציוניסטישער אר־גאניזאציע און פארשטארקן די חלוציש׳ע טע־טיקייט. ער האט זיך קעגנגעשטעלט דער „פארפלייצונג״ פון שליחים און האט געפא־דערט צו קאנטינואירן דעם אויפטו פון „הנוער הציוני״ וואס האט איינגעארדנט לעצטנס אין לאנד א סעמינאר פאר 25 מדריכים פון די פארייניקטע שטאטן, וועלכע נאך זייער צוריקקומען קיין אמעריקע וועלן זיי דארט אנפירן מיט דער ארבעט אין דער חלוצישער באוועגונג.

ה׳ קול האט אויפגעפאדערט דאס אויפשטעלן פון א „קאמפראמיס־רעזשים״ אין לאנד, וואס זאל זיך באזירן אויף אן אמתן קאמפראמיס צווישן פארטיידנע פאלקס־קלאסן און פאליטישע גרופן, בכדי צו פארווירקלעכן די ציוניסטישע אידעאלן אין משך פון די גאנסטע צענדליקער יארן און זאל נישט פארוואנדלט ווערן, ווי ביז איצט, אין א קנוניה פון פארטייאישע עסקנים אדער ווילטשאפטלעכע הערשער. אזא קאמפראמיס דארף זיך אויסדריקן אין א ברייטער קאאליציע אין דער ציוניסטישער באוועגונג און אין דער מדינה מצד אלע ציוניסטישע קאנסטרוקטיווע כוחות. דער חוט השדרה פון אזא קאאליציע דארף זיין דער פראגרעסיווער ציבור אין לאנד.

נאך די רעדעס האט זיך אנטוויקלט א לעבהאפטע דיסקוסיע.

## רסקו

שטעלט איצט אויף 3 נייע דערפער אויפן שטח פון קרן־קימת נעבן גדרה:
1) אינטענסיוועווירטשאפטן צו 25 דונאם;
2) הילפס־ווירטשאפטן פון 1 ביז 5 דונאם;
3) אן אינדוסטריע־צענטער אין דעם שיכון.
פאר נייע עולים וועט געגעבן ווערן א צייטווייליקער שיכון אין וווינונגען פון 37 קוו. מ. ביז דאס אויפשטעלן פון זייערע הייזער. איינשרייבונגען און איינצלהייטן צו באקומען:

### חברה להתישבות חקלאית ועירונית

# „רסקו״ בע״מ

תל־אביב, רח׳ הר סיני 2 — טלפון 4604
חיפה, רח׳ בלפור 11 — טלפון 2067
ירושלים, רח׳ שמואל הנגיד 5, טל. 3663

## דער דערפאלג פון דער פראגרעסיווער פארטיי אין די וואלן צום 23־טן ציוניסטישן קאנגרעס וועט געבן א גאראנטיע, אז דער ערשטער ציוניסטישער קאנגרעס אין מדינת ישראל וועט דערפילן זיין היסטארישע מיסיע.

# פ שטימט פאר דער ליסטע פון דער פראגרעסיווער פארטיי פ

מחלקת חקליטה של המפלגה הפרוגרסיבית והעובד הציוני, ת״א, מונטפיורי 27.

דפוס „גיואוגרפיקה״, תל־אביב, רח׳ הנגב 11, טלפון 66849